# כרוז באידיש לתיקון וחיזוק בדק חומות הצניעות של בנות ישראל

פורסם בחוצות ירושלים עיה"ק לפני כתשעים שנה ע"י הרב ממאקובא,
הגאון הצדיק רבי ישראל ניסן קופרשטוק זצוק"ל, בעמח"ס שו"ת עני בן פחמא

[והובא בבטאון 'כרמנו' דחסידי אלכסנדר, שנה ב' גליון ו', טבת תש"ם]

ב"ה

## יודישע קינדער, שוועסטיר אין טעכטער !

זעענדיג דאס פייער פון חציפות און פריצות פון די יודישע פרויען און בתולות, וויא אזוי קען מען שווייגען און נישט העלפין לעשין גלייך מיט אללע רבנים וצדיקים מפה ירושלים עיה"ק תובב"א.

מען איז מכשיל יודען מיט שווערע עבירות, אזוי וויא אונזערע חז"ל זאגין: 'הרהורי עבירה קשין מעבירה'. אונזער הייליגע תורה איז אונז מזהיר מיר זאלן זיך נישט אפלערנין דיא שלעכטע מעשים פון דיא פעלקער וואס איהר זענט צווישען זיי פערטריבען, מיר זענין שטענדיג גיוועזן גערומט מיט אונזער צניעות.

לאמיר נישט זיין צו שאנד און שפאט!

אזוי ווי עס איז בעוויסט יעדעס יודיש קינד, דאס ווען אונזער פאטער אברהם ע"ה איז גיגאנגין מקריב זיין זוהן יצחק אבינו ע"ה אויף דער עקידה האט דער שטן גיטועט כל מיני תחבולות. עהר האט זיך פער שטעלט פיר איין טייך וואסער אא"ו. אללעס אברהם אבינו מבטל צו זיין פון דער מצוה, ווייל עהר האט גוט געוויסט אז דיא עקדה איז דער יסוד פון גאנצין יידישען פאלק. דאס זיי זאלין ח"ו נישט אונטער געהן און זאללין זוכה זיין לגאולה שלימה. אזוי יעצט דער יצר הרע זעהט אז דיא גאולה שלימה איז נאעהנט און עהר ווירד אין גאנצין בטל ווערין מן העולם, דען הוא השטן הוא היצה"ר הוא מלאך המות, אין וועט מקוים ווערין 'בלע המות לנצח', אין אזוי ווי אין אהנפאנג האט דער נחש הוא היצה"ר אהן גיהויבין מיט חוה ווייל נשים דעתן קלות אין האט גיברענגט ר"ל דעם טויט אויף דער וועלט, אזוי יעצט שטארקט זיך דער שטן קאליע מאכען דיא נשים כדי מכשיל זיין אללע יודען מיט עבירות צו פערלענגערין דעם גלות.

דערובער איהר יודישע פרויען, שטארקט אייך קעגען דעם פינסטערין יצה"ר, וועט זיין גלייך וויא איהר זייט אייך מקריב אויף דער עקידה פיר השי"ת אין וועט מקרב זיין דיא גאולה. אזוי ווי פון גלות מצרים זענין מיר אויסגילייזט גיווארין בזכות נשים צדקניות, און באיי סיסרא, אחשורוש, נס חנוכה, איז אויך גיוועזן דיא ישועה דורך נשים.

איהר יודישע פרויען אין טעכטער, האט רחמנות אויף אייך און אויף דעם גאנצען כלל ישראל, זייט נישט פערשייט, דעקט צו אייער האר און לייב. זייט נשים כשרות כדת משה וישראל, ווירד דער גאנצער כלל ישראל גיהאלפין ווערין בב"א.

און אזוי וויא ביי אונז, יודען, איז איינער א ערוב פיר דעם צוויטען, זענין אללע רבנים און צדיקים מזהיר אללע יודישע פרויען אונד בתולות זאללען למעה"ש אונז פאלגען, אין דיא וואס וועט נישט פאלגען – זענין מיר פון זייא פון ערבות אפגישייט, כמבואר ברמב"ם הלכות תענית פרק א' הל' י"ז, אין דאס פעראנטווארטליכקייט פון די גרויסע עבירה פון פריצות איז נור חל אויף זייע, אין קיין שום מענטש זאלל ח"ו נישט גישטראפט ווערן איבער זייא.

מיר פערהאפין דאס יעדע יודישע פרוי אונד בתולה וואס פערמאגט איין פונק פון אונזערע הייליגע אבות און אמהות וועט געוויס אונז הערין און זיך אומקערין און מאכין אנדערע אויך אומקערין צום העכטין דת הישראלית, און מיר וועלן זוכה זיין זעהן בבנין ציון וירושלים בתפארתם, אבי"ר. כ"ד הצעיר דמן חבריא,

**ישראל ניסן אב"ד מאקאווע**
**פעה"ק ירושלים תובב"א (מקום החותם)**

## תרגום הכרוז מאידיש

בנות ישראל, אחיותינו ובנותינו!

בראותינו את אש החציפות והפריצות אשר פשטה בקרב נשים ובחורות איך אפשר לשתוק מבלי לעזור לכבות יחד עם כל הרבנים והצדיקים מפה ירושלים עיר הקודש תובב"א. מכשילים יהודים בעבירות קשות, כמו שאמרו חכמינו ז"ל: 'הרהורי עבירה קשים מעבירה'. תורתינו הקדושה מזהירה אותנו לבל נלמד את המעשים המקולקלים של העמים שגלינו ביניהם, תמיד נשתבחנו במידת הצניעות שלנו. הבה לבל נהיה לבוז וחרפה! כידוע לכל יהודי כאשר אברהם אבינו עליו השלום הלך להקריב את בנו יצחק אבינו ע"ה על העקידה, השטן עשה את כל התחבולות למנוע אותו, הוא התחפש לנהר וכו', הכל בשביל למנוע את אברהם אבינו לבטל אותו מן המצוה, מפני שהוא ידע היטב שהעקידה זה היסוד של כל העם היהודי, שהם לא יכנעו והם יזכו לגאולה השלימה בעזרת ה'. וכן גם עתה כאשר היצר הרע רואה שהגאולה השלימה קריבה וסופו שיתבטל לגמרי מן העולם, שהרי 'הוא השטן הוא היצה"ר הוא מלאך־המות', ויקוים הפסוק 'ובלע המות לנצח'. וכמו שבהתחלה [בחטא עץ הדעת] הנחש שהוא היצה"ר התחיל להחטיא את חוה, מפני שנשים דעתן קלות, והוא הביא את המות לעולם, רחמנא ליצלן, כך עתה מתחזק השטן לקלקל את הנשים, כדי להכשיל את כל היהודים בעבירות כדי להאריך את הגלות.

אשר על כן, נשים יהודיות, התחזקו נא נגד היצר הרע החשוך, וזה יחשב כמו שהקרבתם את עצמכם על העקידה לפני השם יתברך וזה יקרב את הגאולה, כמו שגם בגלות מצרים נגאלנו בזכות נשים צדקניות, וכן במעשה עם סיסרא ואחשוורוש ובנס חנוכה גם כן היתה הישועה ע"י נשות ישראל.

אתן, נשים ובנות ישראל, חוסו נא על עצמכם ועל כל כלל ישראל. אל תהיו [תסטו מן הדרך], כסו את שערותיכן ואת בשרכם, היו נשים כשרות כדת משה וישראל, וע"י כן כל כלל ישראל יוושע במהרה בימינו אמן.

ומכיון שאצלנו היהודים, כל אחד הוא ערב עבור חבירו, הרי כל הרבנים והצדיקים מזהירים את כל הנשים והבנות היהודיות, למען ה' שיצייתו לדברינו, ואלו שלא יצייתו מובדלים אנו מערבות עליהם [כמבואר ברמב"ם הל' תעניות פ"א ה' י"ז], והתוצאות של העבירה הגדולה של פריצות יחולו אך ורק עליהן, ואף אחד לא ייענש בסיבתן.

מייחלים אנו שכל אשה ובת יהודית שיש בה ניצוץ מאבותינו ואמהותינו הקדושות בודאי תשמע אלינו ותחזור בתשובה, ותשיב גם נשים אחרות בתשובה לדרך הדת הישראלית המפוארת, ונזכה לראות בבנין ציון וירושלים ותפארתם, אמן כן יהי רצון. כה דברי הצעיר מבין החברים,

**ישראל ניסן אב"ד מאקובא**
**פה עיה"ק ירושלים תובב"א (מקום החותם)**